**גאָטעסדינער, מרדכי** — (23 מאַי, 1909 — ) — איצטיקער פאַמיליען־נאָמען עובדיהו. געב׳ אין שעדלעץ, פוילן. שטאַמט פון אַ יחוסדיקער משפחה, פון דער גזע פון ר׳ עקיבא אייגער. געלערנט אין חדר, שפּעטער געענדיקט אַן אַגראַנאָמישע מיטל־שול, און דורכגעמאַכט אַ הכשרה. פאַרבראַכט אַ צייט אין די גרויסע שטעט פון מערב־אייראָפּע. געווען אַ פרייער צוהערער אין די דאָרטיקע אוניווערסיטעטן. דערנאָך — אַ העברעאישער לערער, אַ טוער אין דער ציוניסטישער יוגנט־באַוועגונג און אין „השומר־הצעיר". אין 1931 עולה געווען קיין א״י, וואו ער איז באַשעפטיקט ביי ערד־אַרבעט. אָנגעהויבן שרייבן זייער יונג. אין עלטער פון 16 יאָר זיך באַגעגנט אין לאָנדאָן מיט ביאַליקן, וואָס האָט אים דערמו־

טיקט ווייטער צו שרייבן. אונטערן נאָמען מרדכי (ברכיה) עובדיהו, און אונטער די פּסעוודאָנימען: מ. עין־רואי, י. רואַני, אַחימין, יעקב איש־טעם א״א, פאַרעפנטלעכט זיינע ליטעראַרישע אַרבעטן און פּו־בליציסטישע אַרטיקלען אין: דבר, על המשמר, הדור, מאוזנים, גליונות, גזית א״א אין ישראל. אויך פאַר־עפנטלעכט אַרבעטן אין הדואר, נ״י, און אין יידיש, אין צוקונפט, נ״י און אין אַנדערע זשורנאַלן. איז דער מחבר פון אַ צאָל ביכער אין העברעאיש, ווי: אדם בחוץ, „מסדה״, תש״א; מפי ביאַליק, „מסדה״, תש״ה; א״אַ. לעבט אין מדינת ישראל.

דוד תדהר, אנציקלופדיה לחלוצי הישוב ובוניו, כ׳ ד׳, ת״א, 1950.

*Who's Who in World Jewry*, N. Y. 1955 *Who is Who in Israel*, 1952.